ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

היכל תשיעי

קובץ
שלשלת האור

שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## וישלח

**(חלק טו — שיחה ד)**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה
שנת הקהל
מאה ועשרים שנה להולדת כ״ק אדמו״ר זי״ע

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2022
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# וישלח ד

א. אין פסוק[1] „ויקחו שני בני יעקב שמעון ולוי אחי דינה איש חרבו גו'" זאָגן חז"ל, אַז זיי זיינען דאַן געווען דרייצן יאָר אַלט[2] — און פון דעם לערנט מען[3] אַרויס דעם דין פון „בן שלש עשרה למצות"[4]: וויבאַלד צו י"ג שנה ווערט מען אָנגערופן איש[5], וואָס וויזט אויף גדלות[5*] [ווי עס שטייט[6] „מי שמך לאיש גו'", „וחזקת והיית לאיש"] — ד. ה. אַז צו י"ג שנה דערגרייכט ער צו דער מעלה פון אַ דערוואַקסענעם, פון אַ גדול אין (שכל און) דיעה[7] — דעריבער ווערט ער דאַן מחוייב בכל המצוות.

און כאָטש[8] עס קען זיין אַ מציאות, אַז ער זאָל זיין אַ בר־שכל אויך פאַר י"ג שנה, פונדעסטוועגן, וויבאַלד אים פעלט די שלימות הדעת וההרגש — ער האָט נאָך ניט די הכרה והרגשה סיי אין דער טייערקייט און מעלה פון קיום המצוות און סיי אין דעם חסרון אין העדר הקיום זייערן

[ווי מען גיט[9] דערויף די דוגמא אויף פון „מילי דעלמא", אַז אפילו ווען דער קטן (פאַר י"ג שנה) פאַרשטייט גוט די מעלה פון ממון וגדולה, פונדעסטוועגן, „אמיתת הענין של ממון וגדולה רחוק ממנו" — ער איז נאָך ווייט פון צו האָבן אין זיי אַן אמת'ע הכרה און הרגש ווי אַ גדול. און אַזוי אויך אין דעם היפך דערפון, אין „שפלות ודלות", אַז כאָטש ער פאַרשטייט זייער חסרון, איז עס ביי אים ניט ווי ביי אַ גדול וואָס איז „מרגיש היטב חסרון השפלות והדלות כו'"]

דעריבער איז ער ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים און הנהגה און מ'קען אויף אים ניט אַרויפלייגן דעם חיוב המצוות.

ב. רבותינו נשיאינו האָבן[10] כו"כ פעמים ביי חגיגת בר־מצוה געזאָגט אַ מאמר אָנהייבענדיק מיטן פסוק[11] „נעשה אדם"[12]. איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז דער ענין פון אַ בר־מצוה האָט אַ שייכות אויך צו דער מדריגה פון „אדם", וואָס

1) פרשתנו לד, כה.

2) ב"ר פ"פ, יוד. מדרש לקח טוב ושכל טוב כאן (ע"פ החשבון — ובאופן שונה זמ"ז). בהנסמן בהערה הבאה.

3) רש"י נזיר (כט, ב) ד"ה ור' יוסי. רש"י ורע"ב אבות פ"ה מכ"א (לגירסת אדה"ז בסידורו — מכ"ב). מחזור ויטרי שם. — וידועה הקושיא (שו"ת מהרי"ל סנ"א): מנלן דפחות מי"ג לא הוי איש, ועוד דדורות הראשונות ילדו בח'. — וראה לקמן הערה 22.

4) אבות שם. רמב"ם הל' שביתת עשור פ"ב הי"א. ובכ"מ (ראה אנציקלופדי' תלמודית ע' גדול ע' קלח, וש"נ).

5) בלשון הרמב"ם הל' אישות פ"ב ה"י: נקרא גדול ונקרא איש.

5*) ברש"י ורע"ב לאבות שם: דכתיב איש או אשה אשר יעשו . . ואינו קרוי איש עד שהוא בן י"ג כו' — וא"כ זה שדוקא „איש" מחוייב במצות הוא לימוד מקרא. אבל אין הכרח כלל לומר שהוא גזירת הכתוב בלי טעם.

6) שמות ב, יד (וכפרש"י ורבינו בחיי שם — והוא דלא כמ"ש בשמו"ר שם). מ"א ב, ב. וראה ספר השרשים להרד"ק ע' איש.

7) ראה אנציקלופדי' תלמודית ע' הנ"ל בתחילתו, וש"נ.

8) ראה בכ"ז קונטרס התפלה פ"ה ע' 15 ואילך. סה"מ עת"ר ע' קטו. המשך תער"ב ח"ג ע' א'רכז.

9) קונטרס התפלה שם ע' 16. סה"מ עת"ר שם. המשך תער"ב שם.

10) לדוגמא — נעשה אדם תר"ם.

11) בראשית א, כו.

12) סיפר כ"ק מו"ח אדמו"ר אשר די בר מצוה מאמרים פלעגט מען (אצל הנשיאים) אָנהויבן נעשה אדם (וכשניתן המאמר להעתיק השמיטו לפעמים את ההתחלה).

איז אַ העכערע מדריגה ווי (דער תואר) „איש״[13] — וכמבואר בכמה מקומות[14] בנוגע צו די פיר שמות וואָס אַ מענטש ווערט מיט זיי אָנגערופן (אדם, איש, גבר, אנוש), אַז דער העכסטער פון די אַלע נעמען איז דער שם „אדם״, וואָס ווייזט אויף זיין שלימות.

איז ניט מובן: וויבאַלד אַז צוליב חיוב המצוות פון אַ בן י״ג איז גענוג די מדריגה פון „איש״ — פאַרוואָס פאַרבינדט מען דעם ענין פון בר־מצוה (אויך) מיט דער מדריגה פון „אדם״?

ג. דער אונטערשייד צווישן „איש״ און „אדם״ איז: דער תואר „איש״ באַציט זיך צו דער דרגא פון שכל וואָס איז שייך צו מדות (הרגש הלב)[15] [און אין דעם גופא זיינען פאַראַן כמה וכמה מד־ריגות, ביז אַז די שלימות פון דער דרגא קומט ווען ער ווערט אַ בן עשרים[16]], און דער תואר „אדם״ באַווייזט אויף דער מעלה פון שכל וואָס איז העכער פון זיין שייך צו מדות[17].

לויט דעם ווערט נאָך מער שווער [דער צוזאַמענהאַנג הנ״ל פון „נעשה אדם״ מיט בר־מצוה]: ווי קען מען פאַר־בינדן די מעלה פון „אדם״ מיט איינעם וואָס איז ערשט אַלט געוואָרן דרייצן יאָר?

מוז מען זאָגן, אַז די כוונה דערביי איז אַז (כאָטש ענינו פון אַ בר־מצוה איז וואָס ער ווערט אַן „איש״, כנ״ל, פונדעסטוועגן) ביי קיום המצוות מוז מען אָנקומען אויך צו דער השפעה פון דרגת „אדם״.

ד. דער מקור פון דעם (אַז ס׳איז ניט מספיק די דרגא פון „איש״) איז פון דעם פסוק „ויקחו גו׳ איש חרבו״ גופא. וואָרום לכאורה איז שווער: דער חידוש וואָס קומט צו ביי אַ בן י״ג שנה, וואָס צוליב אים ווערט ער מחוייב אין מצוות, איז דאָך (ניט אין מדות, נאָר) אין שכל און דעת (השייך למדות) — דאָס וואָס ער ווערט אַ בר־דעת וואָס איז ראוי צו פאַרשטיין ובמילא — נעמען אויף זיך דעם יאָך און די אחריות פון תורה ומצוות —

היינט ווי קען מען דאָס אָפּלערנען פון פסוק „ויקחו גו׳ איש חרבו גו׳ ויהרגו כל זכר״, וואָס זיין תוכן איז אַ פעולה („ויקחו גו׳ ויהרגו גו׳״) וואָס קומט פון **תוקף** המדות[*17]?

איז דערפון משמע, אַז דער תוכן הכ־תוב „ויקחו גו׳ ויהרגו גו׳״ אַנטהאַלט אין זיך אַ מעלה וואָס איז ניט מוכרח אין דרגת „איש״ נאָר דורך איהר ווערט די דרגא בשלימותה — און דעריבער קען מען אַרויסלערנען פון דעם פסוק [ניט נאָר אַז בן י״ג למצוות, ווייל ער איז „איש״ סתם, נאָר אויך] אַז דרגת „איש״ סתם איז ניט גענוג, און מ׳מוז אויך אָנ־

---

13) להעיר שמצינו אצל רבותינו נשיאינו שאמרו מאמר ד״ה וחזקת והיית לאיש ביום חינוך תפלין — י״א אייר תרנ״ג (לקו״ד ח״א קז, ב), ב׳ דחנוכה תרצ״ו.

ולהעיר מסה״מ תיש״א (ע׳ 246. חנוך לנער ע׳ 10) — בנוגע לכ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע: דאַמאָלס איז ער געוואָרן אַ איש. ווען ער איז געוואָרן בעל מצוה האָט אים הוד כ״ק אאזמו״ר מוהר״ש געבענטשט ער זאָל זיין א אדם.

14) ראה זח״ג מח, א. לקו״ת שה״ש כה, א. ד״ה ואיש כי ימרט תרכ״ט. קונטרס תורת החסידות פ״ז. ועוד (ראה ספר הערכים־חב״ד ע׳ אדם ס״ח־ט).

15) פירוש המילות (לאדהאמ״צ) פ״ב. וראה בארוכה לקו״ש ח״ד ע׳ 1117 ואילך.

16) פירוש המלות שם.

17) ראה בארוכה לקו״ש שם (והערה 24 שם).

*17) ראה פרשתנו לד, ז: ויחר להם מאד. פרש״י ויחי (מט, ו) ד״ה כי באפם.

קומען צו דער מעלה וואָס איז מרומז אין „ויקחו גו'",

דערמיט איז אויך פאַרשטאַנדיק פאַר־וואָס רבותינו נשיאינו האָבן ביי חגיגת בר מצוה געזאָגט אַ מאמר ד"ה „נעשה אדם" — ווייל הגם אַז דער כללות'דיקער ענין פון אַ בן י"ג למצוות איז מצד דעם וואָס דאַן ווערט מען אַן איש ובר דעת כנ"ל, פונדעסטוועגן, איז דאָס אַליין ניט גענוג און מ'מוז אויך אָנקומען צו דער השפעה פון אופן העבודה פון „(נעשה) אדם", וואָס איז בדומה צו דער עבודה פון „ויקחו גו'", כדלקמן.

ה. והביאור בזה:

בנוגע דעם מקור הדין פון בן י"ג למצוות געפינט מען צוויי דיעות: א) כנ"ל, אַז מ'לערנט עס אַרויס פון אונזער פסוק. ב) דאָס איז איינער פון די שיעורים וואָס זיינען הלכה למשה מסיני[18].

דער חילוק צווישן די צוויי לימודים: לויט דער ערשטער דיעה איז עס צוליב דעם שינוי הטבע, אַז אַזוי איז די טבע (פון רוב בני אדם) אַז צו דרייצן יאָר ווערט מען אַ גדול בשכל ודיעה; לויט דער צווייטער דיעה איז עס אַ הלכה'דיקער דין (פון די שיעורים הלכה למשה מסיני), און ניט מצד דעם (שינוי ה)טבע[19].

די נפקא מינה להלכה — ווען ווערן בני נח מחוייב בקיום המצוות וואָס זיי זיינען מחוייב[20]:

לויט דער דיעה הא', אַז דער טעם פון בן י"ג למצוות איז מצד טבע בני אדם, איז דער עלטער פון י"ג שנה מחייב אויך בני נח אינעם קיום פון זייערע מצוות;

משא"כ לויט דער אַנדער דיעה, אַז דער כלל פון בן י"ג למצוות איז הלכה למשה מסיני, איז פאַרשטאַנדיק, אַז ביי בני נח, וואָס צו זיי „לא ניתנו השיעורין"[21], איז די גדלות תלוי' ביי יעדן איינעם[22] לויט זיין שכל ודעת מצד זיין תכונה טבעית[23].

ו. די דערמאָנטע צוויי דיעות בעבודת האדם — זיינען צוויי אופנים אין דעם סדר ווי עס דאַרף זיין די התחלת העבודה פון אַ אידן אין קיום התורה והמצוות:

לדיעה הראשונה איז עס אַן אופן של עבודה על פי טעם ודעת — ד. ה. וויבאַלד אַז זיין חיוב צו מקיים זיין מצוות איז אָפּהענגיק אין טבע שלימות השכל ודעת, אַז ווען ער[*23] האָט אַ הכרה און הרגשה אין ענין המצוות לייגט מען אויף אים אַרויף דעם עול מצוות — איז פאַרשטאַנדיק אַז דער אָנהויב פון זיין עבודה איז אין אַן אופן פון טעם ודעת;

לויט דער צווייטער דיעה אָבער, איז דאָס וואָס אַ בן י"ג שנה מוז מקבל זיין אויף זיך דעם עול מצוות איז עס הלכה למשה מסיני, דערפאַר וואָס אַזוי איז

18) שו"ת הרא"ש ריש כלל טז. שו"ת מהרי"ל סנ"א. פי' הב' ברש"י אבות שם.

19) ואולי יש להסביר טעם שיטה זו, כי ס"ל דסימנים (ושנים) „עושים" גדלות (ולא דהוי ראי' על גדלות) — עיין צפע"נ לרמב"ם הל' אישות פ"ב ה"ט.

20) ראה ג"כ לקו"ש ח"ה ע' 421. לקו"ש ח"י ע' 70 ואילך.

21) רמב"ם הל' מלכים פ"ט ה"י.

22) להעיר מתוד"ה בידוע (סנהדרין סט, א) ד„בדורות הראשונים שהיו ממהרים להביא שערות הי' זמן גדלות מקודם הרבה".

23) כ"כ בשו"ת חת"ס יו"ד סשי"ז (בשיטת הרמב"ם — שם ושם פ"י ה"ב).

*23) ואע"פ שאפשר יוצא מן הכלל שגם אז לא תהי' דעתו בשלימות — הרי התורה על הרוב תדבר. וראה מו"נ ח"ג פל"ד.

דער ציווי הקב"ה — קומט אויס, אַז זיין אָנהייב צוגאַנג צו קיום המצוות איז לויטן סדר העבודה פון קבלת עול[24].

ז. אָבער אויך לדיעה הא', אַז פונעם פסוק „ויקחו גו' איש חרבו גו'" לערנט מען אַרויס אַז די התחלת העבודה (בן י"ג למצוות) איז על פי טעם ודעת — פונדעסטוועגן, פון דעם גופא וואָס מ'לערנט עס אָפּ פון פסוק „ויקחו גו' איש חרבו גו'" (אַ פּעולה פון מסנ"פ), איז מוכח[25], אַז אויך לויט דער דיעה איז דער ענין פון קיום המצוות פאַרבונדן מיט דער עבודה פון מסירת נפש, שלמעלה מן השכל.

און ס'איז קיין סתירה ניט להמבואר לעיל אַז לויט דער דיעה איז עס אַן עבודה שע"פ שכל ודעת — ווייל הגם אַז די עצם העבודה דאַרף זיין מיט הכרה והשגה אינעם ענין פון תומ"צ, פונ־דעסטוועגן, דער יסוד העבודה איז קבלת עול דוקא (שלמעלה מטעם ודעת), ווייל נאָר ווען דער יסוד איז קבלת עול, קען די עבודה פון קיום המצוות מיט השגה זיין ווי ס'דאַרף זיין[26].

ח. פון די הוכחות דערצו: אין די אזהרות הכלליות אויף קיום התומ"צ שטייט[27] „ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב גו' ובחרת בחיים". לכאורה, דער מענטש „זעט" דאָך שוין בעיני שכלו אַז דער דרך התומ"צ איז „חיים וטוב", צוליב וואָס דאַרף מען אים נאָך אָנזאָגן אַז ער זאָל בוחר זיין בחיים?

נאָר דער ביאור בזה: אויב די בחירה פון דעם מענטשן אין תומ"צ וועט זיין מיוסד נאָר אויף זיין שכל הבנה וידיעה אַז זיי זיינען חיים וטוב — איז ער דערמיט נאָך ניט קיין עובד הוי'. ווייל דער ענין פון עבודת השם איז ווי עבודת העבד לאדונו[28]: אַלץ וואָס אַן עבד טוט איז דאָס מצד דעם עול וואָס זיין אדון האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. און דערפאַר דאַרף די בחירת האדם אין תומ"צ זיין מצד דעם ציווי הקב"ה „ובחרת בחיים".

נאָר פאַר דעם איז דער פסוק מקדים „ראה נתתי גו'" — און אויך אין דעם ציווי „ובחרת" איז דער פסוק מדגיש „ובחרת בחיים" — ווייל דער אויבער־שטער וויל אַז ענין התומ"צ זאָל דורכ־דרינגען די גאַנצע מציאות פון מענטשן, און דעריבער מוז אויך זיין שכל באַנע־מען און מרגיש זיין אַז תומ"צ זיינען חיים וטוב.

ט. על פי כל הנ"ל וועט ווערן פאַר־שטאַנדיק די שייכות פון אַ בר מצוה מיט „נעשה אדם":

אין דעם ביאור פון תואר „אדם" גע־פינט מען צוויי ענינים: א) תכלית השלי־מות פון בחי' שכל, כנ"ל סעיף ג'; ב) אדם אותיות מאד[29] — בחינת בלי גבול וואָס איז העכער פון שכל[30]. [און די בחינה אין דעם מענטשן דריקט זיך אויס אין דעם וואָס ער איז אַ מדבר, וואָרום זיין כח הדיבור קומט פון דעם בלי גבול שבנפשו וואָס איז העכער פון מעלת השכל[31]].

24) וכמחז"ל (יבמות עו, ב) דאם הלכה נקבל אע"פ — ש(ב„אם לדין") יש תשובה.

25) ראה לקו"ש ח"ה ע' 162 הערה 74. שם ע' 421.

26) ראה לקו"ש ח"ב ע' 428. ח"ד ע' 1211 ואילך. ועוד.

27) נצבים ל, טו־יט.

28) ראה תניא פמ"א.

29) ב"ר פ"ח, ה ובפרש"י לב"ר שם. תו"א מו, ד. לקו"ת שה"ש כט, ב. המשך וככה תרל"ז פכ"ב.

30) לקו"ת שם. ועוד.

31) וככה תרל"ז שם.

און וויבאַלד אַזביידע ענינים זיינען מרומז אין דעם זעלבן תואר – „אדם", דאַרף מען זאָגן אַז זיי האָבן אַ שייכות איינער צום אַנדערן.

והענין בעבודה יש לומר: אויך ווען דער מענטש קומט צו תכלית השלימות אין שכל, בחינת השכל פון „אדם" וואָס איז העכער ווי שכל פון „איש" – מוז ער אָנקומען צו מסירת נפש שלמעלה מהשכל[32];

און אַזוי אויך לאידך גיסא: אויך ווען ביי אים לייכט דער כח המסירת נפש שלמעלה מהשכל, זאָל ער זיך דערמיט ניט באַגנוגענען, נאָר ער זאָל זיך משתדל זיין אַז די מסירת נפש זאָל דורכדרינגען אויך זיינע כוחות הפנימיים (כנ"ל סעיף ח') וואָס זייער התחלה וראשית איז כח השכל.

און דאָס איז איינער פון די רמזים אין דעם וואָס מ'האָט געזאָגט צו אַ בר מצוה דעם מאמר „נעשה אדם" – צו ווייזן, אַז אויך ווען מ'דערגרייכט צו מעלת השכל והדעת (השייכים למדות) וואָס דאַמאָלס ווערט ער גערופן „איש", איז עס ניט גענוג, און ער דאַרף נאָך אַלץ אָנקומען צו דער עבודה פון „איש חרבו גו'", עבודת המסירת נפש שלמעלה מהשכל[33], וואָס איז פאַרבונדן מיט בחי' „אדם" **אותיות** מאד.

(משיחת תמוז תשי"א בחגיגת בר מצוה)

---

32) **הענין בשכל – השכל עצמו מכריח שיש למעלה מן השכל. וראה המשך תער"ב ח"א פ"ק. ועוד.**

33) **עפ"י המבואר בסה"מ עת"ר (ע' קכב ואילך) ועוד, בענין הדעת,** שנמשך בה **מבחי' הרצון ופנימיות הרצון – יומתק הנ"ל בפנים (ס"א וס"ט), שגם הענין דמסנ"פ (מאד אותיות אדם) שלמעלה מהשכל שצ"ל בבן י"ג נכלל בזה שנעשה איש ובר** דיעה.